**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף נייע סטעיטווייד קענעביס פובליק געזונטהייט בילדונג קאמפיין**

***"פארוואס קויפן לעגאל ניו יארק" וועט מוטיגן ניו יארקער צו קויפן מער פארזיכערטע, רעגולירטע קאנאביס פראדוקטן פון לייסענסד דיספענסעריס***

***פובליק סערוויס מעלדונגען וועלן ערשיינען אויף סאשעל מידיע און סטרימינג סערוויסעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דעם אנהויב פון "פארוואס קויפן לעגאל ניו יארק", א פובליק עדיוקעישאן קאמפיין וואס מוטיגט מער פארזיכערטע, אינפארמירטע, לעגאל איינקויפן פון קאנאביס פון לייסענסד דיספענסעריס אין ניו יארק סטעיט. דער קאמפיין פאקוסירט אויף דריי הויפט זיילן: באשיצן פובליק געזונטהייט און מוטיגן געזעלשאפטליכע איינגקייט און קאמיוניטי ווידער-אינוועסטירונג. גאווערנער האקול האט געמאכט דעם מעלדונג נעבן די ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט ביי CUNY געזעץ שולע אין ניו יארק סיטי. די "פארוואס קויפן לעגאל ניו יארק" מעלדונגען ערקלערן און שטרייכן אונטער די מעגליכע געזונטהייט ריזיקעס וואס זענען פארבינדן מיטן איינקויפן קאנאביס פראדוקטן פון אומלייסענסירטע ביזנעסער און פארוואס רעגולירטע קאנאביס פראדוקטן זענען מער פארזיכערט. עס שילדערט אויך ווי אזוי קויפן לעגאל שטיצט דאס פאראויסגיין פון ניו יארק'ס סאשעל און עקאנאמישע איינגקייט צילן פאר קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט.

"צו שטיצן די פובליק געזונטהייט און זיכערהייט פון אלע ניו יארקער, שטעלן מיר צו פאר זיי די אינפארמאציע וואס זיי דארפן כדי צו מאכן אינפארמירטע באשלוסן און הנאה האבן פון קאנאביס פאראנטווארטליכערהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר בויען ווייטער א געזונטערע און מער איינגע קאנאביס מארק, בין איך שטאלץ צו לאזן אין גאנג די וויכטיגע פובליק עדיוקעישאן קאמפיין צו שטיצן מער פארזיכערטע, לעגאלע איינקויפן פון קאנאביס פון לייסענסד דיספענסעריס דורכאויס אונזער סטעיט."

די הויפט דיגיטאלע קאמפיין וועט צילן קאנאביס קאנסומערס וואס זענען 21 יאר אלט און עלטער און נעמט אריין פארשידענע אויפקלערונגס מאטריאלן, אזוי ווי "דער וועגווייזער צו נעמען קאנאביס אויף א מער פארזיכערטע אופן". די מאטריאלן וועלן צושטעלן אינפארמאציע אויף ווי אזוי צו טרעפן לעגאלע דיספענסעריס אין ניו יארק און עצות ווי אזוי צו נעמען קאנאביס אויף א פארזיכערטן אופן. מאטריאלן זענען אוועילעבל אויף: https://cannabis.ny.gov/consumers.

בילדער פון רעקלאמירונגען אין ענגליש זענען אוועילעבל דא און ספאניש דא און ווידיאוס פון די PSA'ס אין ענגליש זענען אוועילעבל דא און אין ספאניש דא. די PSA'ס וועלן ערשיינען אויף סאשעל מידיע, אויף סטרימינג ווידיאוס, און אויף טראנזיט און פלאץ-באזירטע רעקלאמעס דורכאויס די עמפייער סטעיט.

אפריל 20, אפט באקאנט אלס 4/20, איז געווארן א גלאבאלע ערשיינונג וואס פייערט קאנאביס קולטור און איר שטייגנדע לעגאלע אויסבליק. ערשט האבנדיג געווען א פראטעסט אנטקעגן קאנאביס קרימינאליזאציע און די אומאייניגע ענפארסירונג פון דראג געזעצן, צייכנט דער טאג יעצט אפ א זיג פאר אדוואקעיטס וואס האבן געקעמפט אומערמידליך צו ענדיגן דעם קאנאביס פארבאט. אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צום העכסט ערווארטעטן טאג, איז קריטיש וויכטיג צו פארשטארקן געזונטהייט און זיכערהייט מעסעדזשעס און דערמאנען ניו יארקער צו נעמען קאנאביס אויף א פאראנטווארטליכן אופן. מיטן אנהויבן דעם "פארוואס קויפן לעגאל ניו יארק" קאמפיין דורכאויס מערערע פלאטפארמעס, אריינגערעכנט אינסטאגראם, פעיסבאק, און סטרימינג סערוויסעס, טוט ניו יארק פארזיכערן אז די קריטישע מעסעדזשעס דערגרייכן וויפיל מענטשן עס איז נאר מעגליך אויפאמאל ווען וואכזאמקייט ארום קאנאביס איז העכער.

**טרעמעין רייט, טשעירפרוי פון די קאנאביס קאנטראל באורד, האט געזאגט**, "מיר זענען צופרידן אנצוהויבן דעם קאמפיין צו מוטיגן פארזיכערטע און לעגאלע איינקויפן פון קאנאביס אין ניו יארק. מיטן שטיצן לייסענסד דיספענסעריס, קענען קאנסומערס זיין זיכער אז זיי באקומען פארזיכערטע און ריכטיג גע'לעיבל'טע פראדוקטן בשעת'ן שטיצן זייערע לאקאלע קאמיוניטיס."

**קריס אלעקסאנדער, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט, האט געזאגט**, "מיר ווילן זיכער מאכן אז ניו יארקער זענען אינפארמירט וועגן די פאטענציעלע ריזיקעס און בענעפיטן פון נוצן קאנאביס. אונזער ציל איז צו שטארקן קאנסומערס צו מאכן אינפארמירטע באשלוסן און צו פארזיכערן אז זיי האבן צוטריט צו די מערסט פארזיכערטע פראדוקטן וואס זענען אוועילעבל. ניו יארק האט אויסגעצייכנטע דיספענסעריס דורכאויס די סטעיט, און איך מוטיג קאנאביס קאנסומערס און די קאנא-נייגעריגע צו באזוכן די געשעפן און זען פאר זיך אליין."

**ליילע האנט, דעפיוטי דירעקטאר פון פובליק געזונטהייט און עדיוקעישאן קאמפיינס, האט געזאגט**, "אונזער 'פארוואס קויפן לעגאל ניו יארק' קאמפיין איז קריטיש וויכטיג צו אויפקלערן ניו יארקער וועגן די וויכטיגקייט פון קויפן קאנאביס לעגאל פון לייסענסד דיספענסעריס. די PSA'ס זענען געאייגנט צו צייגן א דראסטישע קאנטראסט צו די גוזמאות און אומריכטיגע מעסעדזשינג וואס פילע האבן געהאט דורכאויס די פארבאט פון קאנאביס. דורכן לייגן א דגוש אויף די געזונטהייט און זיכערהייט בענעפיטן פון קויפן לעגאל, האפן מיר צו בויען צוטרוי אין די רעגולירטע קאנאביס אינדוסטריע און מוטיגן ניו יארקער צו מאכן אינפארמירטע באשלוסן לגבי נעמען קאנאביס. דער קאמפיין איז אויך א געלעגנהייט צו אדרעסירן היסטארישע שאדנס און מוטיגן קאמיוניטי ווידער-אינוועסטירונג בשעת'ן צושטעלן וויכטיגע אינפארמאציע וועגן רעגולירטע קאנאביס. מיר זענען פרייליך צו אנהויבן דעם קאמפיין און גלייבן אז עס וועט מאכן א באדייטנדע חילוק אין די לעבנס פון ניו יארקער, שטיצן א מער פארזיכערטע און מער אייניגע קאנאביס אינדוסטריע פאר אלע און ברענגען נענטער ניו יארק סטעיט'ס עדיוקעישאן צוזאג."

אין די "פארוואס קויפן לעגאל ניו יארק" קאמפיין ברענגט מען געשיכטעס פון די פאלגנדע קאנאביס אנפירער:

- דזשעסמין ענד קינג זענען לייסענסד קאלטיוועיטערס וואס זענען פאקוסירט אויף די קאמיוניטי-פאסיגע און געזונטהייט אייגנשאפטן פון קאנאביס. יעצט, מיט 10+ יארן פון פאמיליע פארמינג ערפארונג, פלאנצן זיי קאנאביס פראדוקטן פאר קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט.
- האווערד איז א לייסענסד פראסעסאר וואס קאנצענטרירט זיך אויף הייניגע זיכערהייט געוואוינהייטן און אויפקלערונגס פראבעס צו פאבריצירן מער פארזיכערטע קאנאביס פראדוקטן פאר קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט.

- דעימיען איז א לייסענד ריטעילער וואס קאנצענטרירט זיך אויף געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט און קאמיוניטי ווידער-אינוועסטירונג און ברענגט איבער 5 יאר פון ביזנעס אייגנטומער ערפארונג צו די נייע אינדוסטריע.
- עדי איז א לייסענד פראסעסאר וואס ברענגט זיין ערפארונג פון 5+ דורות פון פאמיליע פארמינג צו פאבריצירן מער פארזיכערטע קאנאביס פראדוקטן פאר קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט.

די 'פארוואס קויפן לעגאל ניו יארק' קאמפיין פאלגט נאך די "קאנאביס שמועסן" פובליק אויפקלערונג קאמפיין וואס גאווערנער האקול האט אנגעהויבן אין 2022.

ניו יארק'ס קאנאביס געזעץ טוט פריאריטיזירן פובליק געזונטהייט. עס איז געבויט אויף די פונדאמענטאלע פרינציפן פון פובליק זיכערהייט, סאציעלע יוסטיץ, און יושר׳דיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג געאייגנט אויף צו העלפן צוריקדרייען די שאדן אנגעברענגט דורך קענעביס פארבאט. אין שטיצע פון די פאליסי ענדערונג, פאדערט דער געזעץ פובליק געזונטהייט קאמפיינס צו אויפקלערן ניו יארקער איבער דער באדייט פון די נייע געזעץ און די מעגליכע ווירקונגען פון קענעביס באניץ אויף פובליק געזונטהייט און זיכערהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן